**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/31/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט 89 מיליאן דאלער אין טשיילד-קעיר פראוויידער סטאבילידירונג גרענט פאנדס זענען פארטיילט געווארן אינערהאלב דער ערשטער מאנאט**

***10,600 אפליקאציעס אנגענומען געווארן***

***גרענט אפליקאציע נעמט 10 מינוט צו פארטיגן***

***נאך CARES געלטער אלאקירט פאר עסענשעל וואורקער סקאלערשיפ גרענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ווייניגער ווי איין חודש זינט אפליקאציעס האבן זיך געעפנט זענען שוין אויסגעטיילט געווארן 89 מיליאן דאלער אין טשיילד-קעיר פראוויידער סטאבילידירונג גרענט געלטער. מער ווי 10,600 פון ניו יארק סטעיט׳ס 18,000 בארעכטיגטע טשיילד-קעיר פראוויידערס האבן זיך געווענדן פאר טשיילד-קעיר סטאבילידירונג גרענט געלטער. ביז אהער, האבן טשיילד-קעיר פראוויידערס זיך געווענדן פאר 585 מיליאן דאלער פון די סך הכל 1.1 ביליאן דאלער וואס איז פארהאן אין פעדעראלע געלטער. די גרענטס בענעפיטן טשיילד-קעיר פראוויידערס דירעקט און וועלן העלפן סטאבילידירן אן אינדוסטריע וואס איז שווער באטראפן געווארן אין לויף פון דער קאוויד-19 (COVID-19) פאנדעמיע. דער ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס אדמיניסטרירט די געלטער.

א הויפט טייל פון אונזער ארבעט זיך צו ערהוילן און איבערצובויען פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע איז צוריקברענגען ניו יארקערס צו די ארבעט, אבער כדי דאס צו טון דארפן מיר פארזיכערן אז זיי האבן צוטריט צו הויך-קוואליטעט און צוגענגליכע טשיילד-קעיר,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דאס איז דער ⎕־גרעסטער אינוועסטירונג וואס מיר האבן געמאכט אין טשיילד-קעיר ביז היינט, און מיר טיילן אויס די געלטער ווי שנעלער אויף צו סטאבילידירן אונזער סטעיט׳ס טשיילד-קעיר אינדוסטריע כדי אז עלטערן זאלן קענען צוריק גיין צו די ארבעט. מיר האבן שוין געהאט גרויס ערפאלג מיט׳ן אויסטיילן די געלטער, און איך דערמוטיג אלע בארעכטיגטע פראוויידערס וואס האבן דאס נאכנישט געטון זאלן זיך ווענדן פאר די געלטער.״

זיך דער גרענט איז אנאנסירט געווארן אום אוגוסט 4, האבן טשיילד-קעיר פראוויידערס איבער׳ן סטעיט באקומען 89 מיליאן דאלער פון די געבעטענע געלטער. פעימענטס ווערן געמאכט דירעקט צו פראוויידערס, נאכן ווערן אנגענומען דורך א פשוט׳ע אנליין [אפליקאציע](). טשיילד-קעיר פראגראמען קענען ניצן די געלטער צו באצאלן פאר איינגעשטעלטע, רענט אדער מארטגעדזש, יוטיליטיס, איינריכטונג מעינטענענס אדער פארבעסערונגען, פערזענליכע באשיץ מיטלען (PPE), סופלייס וואס מען דארף ווען קאוויד-19, אדער אנדערע זאכן אדער סערוויסעס נייטיג פארצוזעצן אדער אויסצוהאלטן טשיילד-קעיר סערוויסעס, מענטאל-העלט שטיצע פאר קינדער און ארבעטער, געזונטהייט און זיכערהייט טרענירונג פאר שטאב, און אנדערע באניצן ווי אויסגעלייגט אין דעם [גרענט]().

אומגעפער 18,000 פראוויידערס איבער׳ן סטעיט זענען בארעכטיגט און דאס רעכנט אריין OCFS-גע׳לייסענס׳טע אדער רעגיסטרירטע פראגראמען, ניו יארק סיטי דעי-קעיר צענטערס וועלכע אפערירן מיט א פערמיט, און לעגאל-פטור׳ע גרופע פראגראמען וועלכע זענען איינגעשריבן מיט אן ענראלמענט אגענטור. אויף צו זיין בארעכטיגט האבן די פראגראמען געדארפט זיין אפן און סערווירט קינדער אין-פערסאן אנגעהויבן מערץ 11, 2021, און אפן און וועילעבל אויף צוצושטעלן אין-פערסאן סערוויסעס אויף דעם דאטום אין וועלכן זיי ווענדן זיך פאר דעם גרענט. דאס נעמט אריין טשיילד-קעיר פראוויידערס וועלכע זענען "אפן" מיט שטאב אנוועזנהייט צוצושטעלן אין-פערסאן קעיר אפילו אויב עס זענען נישט דא קיין איינגעשריבענע קינדער צו דער צייט. פראגראמען וועלכע שטעלן נישט צו קיין סערוויסעס אויף דער דאטום פון דער אפליקאציע קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר דעם גרענט אויב דער פראגראם האט זיך צייטווייז פארשלאסן צוליב פובליק געזונטהייט, פינאנציעלע שוועריגקייטן, אדער אנדערע סיבות פארבינדן מיט קאוויד-19, און זיי באשטעטיגן אז זיי וועלן אנהייבן סערווירן קינדער אינערהאלב אן אנגעגעבענער צייט אפשניט.

**OCFS קאמישענער שיעלע דזשעי. פּול האט געזאגט,** "דער געוואלדיג פאזיטיווער אפרוף צו דאס אנהייבן די סטאביליזירונג גרענטס באשטעטיגן דאס וואס מיר ווייסן שוין פון פריער - טשיילד-קעיר פראוויידערס דארפן דירעקטע שטיצע מיט וואס ווייניגער אדמיניסטראטיווע ארבעט. אונזער אפליקאציע איז א גלאטע אנליין פראצעס וואס נעמט בערך צען מינוט אויסצופילן און דאס ברענגט גיך די געלטער אין די הענט פון פראוויידערס. מיר האבן א העלפּ-ליין און פארשידענע טשיילד-קעיר רעסורסן און רעפערעל פראגראמען איבער׳ן סטעיט אויף ארויסצוהעלפן טשיילד-קעיר פראוויידערס זיך אנצווענדן פאר הילף אדער סיי וואס עס זאל נייטיג זיין אויף צו באקומען און איינפירן די סטאביליזירונג גרענטס. מיר זענען זייער צופרידן מיט די געוואלדיגע ערפאלג פון דאס אנהייבן, און דערמוטיגן אלע בארעכטיגטע פראוויידערס זיך צו ווענדן זאפארט."

אפליקאציעס קען מען באקומען [דא](#).

OCFS פריידט זיך אויך צו אנאנסירן אז נאך 61.4 מיליאן דאלער פון CARES געלטער זענען צוגעלייגט געווארן צו דער עסענשעל ווארקער סקאלערשיפ גרענט געלעגנהייט וואס האט זיך אנגעהויבן סוף יוני. די צוגעלייגטע געלטער ברענגט דער סך הכל אויף דאפלט די ארגינעלע סכום אלאקירט, און שטיצט איצט אומגעפער 36,000 קינדער מיט פולע טשיילד-קעיר סקאלערשיפס פאר 12 וואכן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן